בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת דברים - חזון

שנת תשפ"ד לפ"ק

נלקט משיעוריו של

הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א

רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש"י 3.1.1.5.28 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו"ע 3.3.6.29

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת דברים

**אלה** הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן במדבר בערבה מול סוף בין פארן ובין תפל ולבן וחצרות ודי זהב

**קען** מען טייטשן, בעבר - אפילו ח"ו ער האט עובר געווען א עבירה, און הירדן - ער האט געהאט א ירידה, במדבר - ס'איז אים שווער ווי א מדבר שהכל דשין בה, צו מלשון דיבור וואס איז קשה, זאל ער וויסן אז בערבה - ס'וועט אים נאך אלץ זיין זיס מלשון ערב, בערבה איז אותיות בה אין די זייטן און אינמיטן אותיות ערב אז א מענטש לעבט מיט ב"ה מיט ברוך ה' וועט אים ווערן זיס, צו מרמז זיין אז א איד זאל וויסן אז אפילו ווען ס'איז במדבר און ס'איז שרעקליך שווער, אבער אויב דאנקט מען דעם אויבערשטן אויף יעדע זאך ווערט עס זיס, און יעדע שוועריגקייט גייט אוועק, און דאס איז מרומז אין די ווארט בערבה ב"ה ערב אז דו ועסט דאנקען דעם אויבערשטן וועט ווערן זיס אינדערמיט.

**אזוי** אויך איז מרומז אין בעבר מלשון עבר אז א איד טאר נישט ארייננגיין צופיל אין וואס איז געווען, ווייל אויב יא קען זיין הירדן - וועט עס אים ברענגען א ירידה.

**מול** סוף, מול איז מלשון מול אנטקעגן, און סוף איז מלשון סוף צום ענד אז די אלע זאכן וואס דו זעהסט אז ס'גייט אנדערש ווי דו האסט געוואלט ווי אנטקעגן וואס דו ווילסט, זאלסטו וויסן אז סוף ס'וועט זיך ענדיגן ס'בלייבט נישט שלעכט ס'וועט קומען א סוף צו דעם, און מ'דארף זיך מחזק זיין אין דעם, און בפרט אין די זומער טעג וואס דער עולם פארט אוועק זיך אויסלופטערן איז צייט צו זיך אוועקשטעלן יסודות און מאכן א חשבון הנפש, אמאל אז מ'האט צופיל צייט צו טראכטן איז אויך נישט גוט ווייל מ'דערמאנט זיך פון אלע שוועריגקייטן אפילו מ'פארט

אוועק אויף מנוחת הנפש אבער זיך מתבונן זיין איז גוט און זיך מחזק זיין אז ס'וועט קומען א סוף צו אלע שוועריגקייטן.

**און** די ווארט במדבר האט אויף זיך די טראפ פון פזר וואס מיינט אז א איד דארף וויסן אז במדבר - ס'איז דיר שווער, זאלסטו וויסן אז יעדע זאך וועט צום סוף זיין פזר ס'וועט זיך צושפרייטן און ענדיגן מיט דעם.

**נאך** א רמז איז דא אין די פזר אז יעדע שוועריגקייט האט דאך אין זיך א גוטע סיבה פארוואס ס'דארף זיין, און מ'זעהט טאקע אז במדבר האט אין די אותיות אנהייב און סוף בר מלשון מלבר אינדרויסן אז ס'גייט שוין אוועק און ס'וועט שוין באלד זיין אינדרויסן און מ'דארף נישט זארגן אזוי פיל.

**און** במדבר איז די אותיות פון בר פון די צוויי זייטן און במ אינדערמיט און ד' אינמיטן, וואס ד' איז נצח מיינט עס אז מ'זאל וויסן אז ס'וועט אוועקגיין ווייל מ'דארף וויסן אז ס'איז דא א נקודה טובה אין דעם וואס ס'דארף דורכגיין, און דאס מיינט די פזר אז ס'ווערט נתפזר די זאך אזוי ווי מ'זעהט ביי העלאת ניצוצין מיינט עס אויך אז ס'ווערט נתפזר די ניצוצין אז די זאך האט א עילוי און די ניצוצין גייט אין די זייט און ס'ווערט נתפזר, און אזוי איז אויך ביי עבודת האכילה אז א צדיק עסט אדער איינער פון די ועמך כולם צדיקים וואס עסט ווי ס'דארף צו זיין ווי א צדיק און ס'ווערט מתוקן די מאכל, ווי אזוי ווערט עס ווייל די ניצוצין גייען ארויף און ווערן נתפזר און די מאכל ווערט מתוקן און אזוי אין יעדע שוועריגקייט איז דא א זאך וואס דארף נתעלה ווערן און ווען ס'גייט ארויף ווערט עס מתוקן און ס'ווערט אויס שוועריגקייט, און דאס איז א בחינה פון בערבה אז ס'ווערט אויס שוועריגקייט און ס'ווערט זיס.

**און** אז מ'רעדט פון די טראפ קען מען אפשר זאגן אויך בדרך צחות די טראפ תלישא זעהט אויס ווי א 'מעגא פיין גלעז' א פארגרעסערונג גלאז וואס דאס מיינט אז מ'זאל קענען זעהן נאנט א זאך וואס איז ווייט און עס קענען ליינען, אז דו וועסט נעמען א מעגא פיין וועסטו עס קענען ליינען. און אזוי אויך קען מען עס ניצן אויב מ'לייגט עס העכער א פאפיר אונטער די זון קען עס ווערן א פייער און אפקאכן, דארף מען וויסן אז בערבה ס'וועט נאך זיס ווערן, און פארוואס איז שווער דארפסו וויסן צוויי זאכן קודם לערנט אונז אויס די תלישא וואס איז העכער בערבה וואס קוקט אויס ווי א מעגא פיין גלעז אז אויב ס'איז במדבר און ס'איז שווער אבער ווען דו וועסט קוקן גוט וועסטו זען אז ס'איז בערבה און ס'איז זיס, און ווי מ'האט געשמועסט אז בה איז ברוך ה' און דערפאר איז די טראפ אויף די

ה׳, ווייל ברוך ה׳ מאכט אז ס׳שיינט אויף און ס׳פלאקערט אן ווי מ׳האט געשמועסט אז די מעגא פיין קען מאכן א פייער אפילו די זון קען נישט פארברענען א פאפיר, אבער מיט די מעגא פיין גלעז קען עס יא ווערן דאס מיינט אז ווען מ׳האט די ריכטיגע בליק שיינט עס אריין, און ווי מ׳האט געשמועסט מול סוף.

**מיר** שמועסן אויס יעדע ווארט ווייל יעדע ווארט אין ספר דברים איז א מוסר ספר איינער האט געזאגט אז ס׳איז השגחה פרטית אז מ׳פארט אין קאנטרי אין דברים אזוי דארף מען נישט מיט נעמען די גאנצע ספרים שאנק אין קאנטרי ס׳איז גענוג ספר דברים, און דאס איז מול סוף אז ס׳וועט קומען א סוף צו אלע צרות.

**בין** פארן ובין תפל ולבן, בין מיינט אינצווישן אסאך מענטשן האבן אזעלכע האלבע זאכן וואס זייערע מצבים איז למחצה ולשליש ולרביע און נעבעך די מענטשן ליגן אין ספיקות, און ספיקות איז זייער נישט גוט ס׳שטייט פון בעש״ט אז איינער וואס ליגט אין ספיקות איז די שכינה נישט מיט אים, עכ״פ ס׳איז נישט קיין צייט פון השראת השכינה אבער מ׳דארף וויסן אז ס׳וועט קומען א צייט וואס ס׳וועט זיין פאר ן׳ וואס ן׳ איז בינה, אז ס׳וועט זיין א שיינע ן׳ אז יעדע בין וואס ס׳הענגט און ס׳איז נישט קלאר וועט זיין פאר ן׳ מ׳וועט נאך פארשטיין און זעהן די שיינקייט, צו ווען משיח וועט קומען וועסטו פארשטיין אדער ערגעץ אין לעבן צו פריער צו שפעטער ערגעץ ווען פארשטייט מען עס.

**ובין** תפל ולבן, תפל איז מרמז אויף אויף טפל אז ס׳איז נישט צו די זאך און ס׳איז שווער, און אזוי אויך איז עס אזויווי תוף מלשון פון א פויק אז ס׳פויקט און ס׳האקט אויף אים און ער פילט אז דער האקט אויף אים און יענער האקט אויף אים און ער איז אינגאנצן צומישט, דארף מען וויסן אז תפל ענדיגט זיך מיט א ל׳ וואס די ל׳ גייט אויפן אויבערשטן ווי ס׳שטייט אז ל׳ איז מרמז אויפן אויבערשטן, אין אלע מצבים דארף מען וויסן אז אלעס קומט פון אויבערשטן און מ׳דארף האבן אמונה פשוטה אויף דעם ווי ס׳שטייט שבטך ומשענתך המה ינחמוני, שבטך איז מלשון פון א רוט וואס מ׳כאפט א שמייס מיט דעם, צו מ׳האט א זאך וואס ברענגט א נחמהביידע זאכן זענען המה ינחמוני אלעס קומט פון אויבערשטן, מ׳האפט נאך אז די טעג זאלן נאך נתהפך ווערן און ס׳זאל זיין א אמת׳ע נחמה, אבער בכל אופן דארף מען וויסן אז אלעס איז פון אויבערשטן און דאס איז מרומז אין תפל אז אפילו ווען ס׳איז א תוף און מ׳האקט אויף דעם מענטש זאל ער וויסן אז ל׳ אלעס קומט פון אויבערשטן.

**ס'איז** געווען א צדיק וואס איז געווען אין טבריה מיט זיינע תלמידים און אינמיטן איז אנגעקומען א הונט און געביסן דעם צדיק און דער צדיק האט אזוי געקרעכצט אוי, און די תלמידים האבן זיך אזוי געוואונדערט אז דער רבי איז דאך א בעל מדריגה און ווי קען זיין אז ס'האט אים וויי געטוהן אז ער שרייט אזוי, און זיי האבן אים געפרעגט דערויף, האט ער געענטפערט ס'האט מיר נישט וויי געטוהן די ביס פון די הונט נאר ס'האט מיר וויי געטוהן אז איך האב אינמיטן פארגעסן אז דער ביס קומט פון דעם אויבערשטן.

**ולבן,** אז אפילו נאכדעם וואס מ'האקט אויף אים און ס'איז אין א מצב פון טפל דארף מען וויסן אז לבן ס'איז א ווייסע זאך און ס'איז גוט, און בין איז מרמז אויך אז ס'איז בין כך ובין כך וויאזוי ס'גייט אמאל א עלי' און אמאל א ירידה זאל מען וויסן אז אזוי איז די בריאה.

**און** די עצה איז צו דעם איז, וחצרות וואס איז מרמז אז מ'האלט זיך אן א קבוצה אידן צוזאמען און מ'איז באחדות מלשון א חצר הקודש, און בפרט אין די ימי בין המצרים דארף מען אסאך מער מרבה זיין באחדות.

**און** חצרות איז אויך די אותיות חצר תו ס'איז מרמז אז אפילו ווען ס'איז א מצב פון חצר וואס איז עראי'דיג זאלסטו וויסן אז תו – מער אויב ס'איז עראי'דיג זאלסטו וויסן אז ס'גייט דא עפעס מער.

**און** תפל איז אויך די רמז אויב טוישט מען די גמטרי' פון ת וואס איז 400 און אויב מ'נעמט אראפ 9 פון 400 קומט עס אויס 391 שצא און ש מיט די מילוי שין איז ש"ס אז אויב ס'איז טפל'דיג זאל מען צולייגן שין וואס איז די גמטרי' פון ש"ס און אויך צ"א, וואס ביי ונהיה אנחנו וצאצאינו האבן צדיקים געזאגט אז דורך תפילה ווערט די שם צ"א וואס דאס איז די שם השילוב פון הוי"ה אדנ"י, איז עס מרמז אז ווען א איד איז עוסק אין שם השילוב און אין ש"ס וועט ווערן פון טפל תפל, וואס תפל איז גמטרי' תקי וואס תקי איז די גמטרי' פון תיק א נרתיק וואס איז א שומר און ס'האלט זאכן אין זיך, אז א איד וואס קען עוסק זיין בתורה קען נישט זיין קיין טפל ווייל א תיק איז א זאך וואס האלט צו אנדערע זאכן, און א טפל'דיגע זאך קען נישט האלטן זאכן אין פלאץ, איז א רמז אויף די היפך פון טפל אז דורכדעם וואס מ'איז עוסק אין ש"ס און אין שם השילוב די שם צ"א ווערט ער פון א טפל צו א תפל ווי א תיק וואס איז משמר און ווערט א קביעות, דורך עוסק זיין אין תורה הק' און עבודת ה' איז ער זוכה צו שם צ"א און מ'האפט בקרוב זאל עס זיין צ"ה ווי מ'וועט שוין אויסשמועסן.

**אויך** קען מען זאגן אז תקי איז ראשי תיבות ת'נא ק'מא י' דער תנא קמא איז דאך דער ערשטער תנא וואס ווייזט אויף א לכתחילה זאך דער ערשטער תנא. וואס דאס איז דער פשוטער פשט פון לכתחילה צום ערשט, וואס דאס איז דער חילוק פון לכתחילה און בדיעבד, איז עס א רמז אז ווען א איד זעצט זיך לערנען אין א מצב וואס ער איז טפל'דיג דארף ער עוסק זיין אין עמוד התורה אין עמוד העבודה און עמוד גמילות חסדים וועט ער זוכה זיין און ער וועט ווערן לכתחילה'דיג מיט א תיק און ס'וועט זיין א קיום.

**וחצרות** ודי זהב, ודי איז אותיות ו' ד' י' א רמז אז ווען משיח וועט קומען וועט ווערן פון די ו' א י' און די שם הוי"ה וועט ווערן י-ה-י-ה און צווישן די ו' און די י' ליגט א ד' וואס ד' איז נצח, אז דאן וועט זיין נצח וואס דאס איז די זמן פון משיח דעמאלט וועט זיין פון די ו' א י'.

**און** ווען משיח וועט קומען וועט זיין ז' הב אז ווען וועט מען זוכה זיין אז ס'זאל שוין זיין אז די ו' זאל ווערן א י', אויב טוט מען עפעס צו אויפהייבן די מלכות וואס איז מרומז אין ז' הב אז ער גיבט פאר ז' - די מדת המלכות דאס אז ער לעבט מיט אמונה, ווי ס'שטייט אז משיח בן דוד וועט קומען בזכות אמונה, און משיח בן יוסף וועט קומען בזכות טהרה און קדושה, איז דאס מרומז אין ז' הב מלכות זה ב'.

**אזוי** אויך קען מען זאגן אז זה איז מלשון כזה ראה וקדש, און בדרך צחות איז דאך אויף אידיש זה מלשון זעה ראיה, אויב גיבט מען איבער פארן אויבערשטן די עינים דעם ענין פון ראיה, אויב מ'איז זיך מתגבר אויף די עינים דאן ווערט ודי אז די ו' ווערט א י', און דאן ביי די גאולה וואס איז מרומז אין ודי וועט זיין זה כזה ראה וקדש, און אויף אידיש וואס איז מרומז זעה וועט זיין ב' וואס איז מלשון פון א דאפלטע אופן אז די התגברות וועט זיין און מ'וועט זעהן ווי די אלע מצבים זענען געווען מיט א ציהל און א גוטע נקודה אין דעם. זאל דער אויבערשטער העלפן אז דברים חזון אז אין די פרשת דברים זאל מען שוין זוכה זיין צו ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים און מ'וועט זוכה זיין אז דברים אלע שווערינקייטן וועט זיין חזון און מ'וועט זעהן ווי אלעס איז געווען לטובה.

**און** מ'האלט שבת מברכים ערב ראש חודש מ'זאגט ולגאולה קרובה דארף מען פארשטיין פארוואס זאגט מען יעדע שבת מברכין ולגאולה קרובה, לאמיר זאגן אזויווי די וואך האט געפאסט צו זאגן אבער די אנדערע חודש מיר זענען בטוח אז משיח קומט שוין אחכה לו בכל יום שיבוא, אבער לאמיר זאגן אויב ח"ו נישט, און מ'בענטשט חודש אלול

און מ'זאגט די גאנצע נוסח פון מי שעשה ניסים לאבותינו ביז מ'קומט צו די ווערטער ולגאולה קרובה וואלט מען געדארפט זאגן ולגאולה שלימה, פארוואס זאגט מען ולגאולה קרובה.

**אגב** איז דאך יעצט געווען די יארצייטפון ישמח משה, און ס'איז באקאנט אז דער ישמח משה פאר ער איז נסתלק געווארן האט ער געזאגט אז ער וועט נישט איינרוהען און נישט ארייגגיין אין גן עדן ביז ער ברענגט די גאולה, און אזוי איז טאקע געווען אז ער איז ארויף אויבן אין הימל און ער האט אנגעפאנגען צו פארפירן אז מ'מוז שוין ברענגען די גאולה, אבער אויבן האט מען געזען אז ס'איז נאך נישט געקומען די צייט האט מען אים מסיח דעת געווען, און ס'איז דא צוויי נוסחאות אין די מעשה איינס איז אז דוד המלך אליין איז געקומען שפילן מיטן פידל און מרוב מתיקות האט מען אים אריינגענארט אין גן עדן אריין. נאך א נוסח איז דא ווי באקאנט איז דאך דער ישמח משה געווען ריזיג אין דרוש און אין פלפולים און נאך אסאך חידושים, און מ'זעט טאקע אין די צוואה פון ישמח משה אז איינער וואס קען מחדש זיין חידושים מוז מחדש זיין, האט מען אים מכבד געווען מיט א דרשה און בשעת ער האט אנגעהויבן זיין דרשה איז אים איינגעפאלן אזעלכע שיינע דרושים אין חידושים, און די דרשה גייט נאך אן עד היום הזה און וועגן דעם איז ער נאכנישט אריין אין גן עדן און ער האט נישט מרעיש עולמות געווען וועגן די גאולה, האט געזאגט דער צדיק רבי נפתלי צבי פון באבוב מ'דארף זען אז די דרשה זאל זיך שוין ענדיגן. זאל דער אויבערשטער העלפן מ'געפינט זיך נאך אין די דריי טעג פון די יארצייט און מ'האפט אז די גאולה שלימה זאל זיין די טעג.

**ס'איז** דא די מספרים וואס מ'טרעפט אין די זמן די 9 טעג און די מספר פון 3, און 9 איז מרמז אויף אמת ווי באקאנט תתן אמת ליעקב און די מספר קטן פון אמת איז 9 און די נומער 9 וויפיל מ'וועט עס דאפלען וועט בלייבן במספר קטן נאכאמאל א מספר וואס טיילט זיך אין 9, ווי 2 מאל 9 ווערט 18 און במספר קטן איז עס ווייטער 9 און 3 מאל 9 איז 27 און במספר קטן איז עס 9 און אזוי ווייטער, אז אלעמאל קומט מען צו צום שורש פון אמת איז עס מרמז אויף אמת, און ס'איז מבהיל על הרעיון ווי אלע סארט מספרים פון 9 וועלן צוריק אנקומען צום שורש, ווייל מספר 9 איז אמת און ס'דרייט זיך פון אויבן אז ס'בלייבט, און אויב וועלן מיר באמת וועלן משיח'ן וועט ער שוין קומען, א גאנץ יאר איז מען מצפים לישועה אחכה לו בכל יום שיבא, ס'איז גאנץ א טשיקאווע זאך מ'קען רעדן פון די גאולה וואס די גאולה ברענגט ארויף

די הרגשים פון א מענטש פון צפיה לגאולה, אידישע קינדער האבן ליב צו רעדן פון די גאולה און מ'לאזט טרערן, אבער יעצט אין די 9 טעג זאל מען עס מיינען אביסל מיט אמת, און באמת ניוושע. און די 3 וואכן וואס די מספר 3 איז אין זיין צורה האלב פון די מספר 8, (אין די צורה נישט אין די גמטרי') ס'ווייזט איז אין די דריי וואכן זענען מיר אלע צובראכן אויף שברי שברים ס'איז א צובראכענע 8, וואס 8 איז מרמז אויף לעתיד לבא אז מ'וועט זוכה זיין צו די גאולה שלימה וועט נתגלה ווערן די עכטע ... טאלנער נגינה ... און 8 איז למעלה מדרך הטבע ווי מ'זעט ביי חנוכה וואס איז 8 און ס'איז געווען למעלה מדרך הטבע אז ס'איז געווען רבים ביד מעטים או"ו, און מ'קען טאקע פועל'ן חנוכה למעלה מדרך הטבע, און חנוכה האט אויך מיט משיח און די מספר 8 האט מיט משיח, און אזוי טאקע ביי די אלף השמיני וואס מיר האפן טאקע ס'זאל זיין אז פון די צובראכענע 3 וועט ווערן א 8 און מ'וועט שוין געהאלפן ווערן בתשועת עולמים, ודי זהב און ס'וועט שוין וודאי זיין פון די ו' א י' און מ'זאל שוין זוכה זיין להיוושע בדבר ישועה ורחמים און מ'זאל זוכה זיין צו דברים חזון.

**און** דאס איז פשט לגאולה קרובה און נישט לגאולה שלימה, און ס'איז זייער פשוט אז יעדן שבת מברכים קוקט מען אויס אז די חודש זאל שוין זיין די גאולה, ראש חודש יהיה ביום הרביעי' אבער אונז ווילן נישט ווארטן ביז דאן, נאר יעצט ביום השבת קודש ווילן מיר שוין די גאולה און דאס איז די בקשה פון גאולה קרובה, און אפילו ס'שטייט אז אליהו הנביא קען נישט קומען שבת וועגן תחומין, אויף די קשיא שטייט שוין פון ערשטן בעלזא'ער רב זי"ע אז ערשט זאל ער קומען און מ'וועט שוין נאכדעם פארענטפערן, זאל מען שוין זוכה זיין צו ולגאולה קרובה אז ס'זאל זיין אין אזא בחינה אז מיר זאלן נישט ווארטן אויף די גאולה שלימה נאר מ'זאל זוכה זיין אז שוין זאל זיין די גאולה, אין שבת מברכין אב האבןמיר ליידער נאכנישט זוכה געווען אבער אין דעם היינטיגן טאג ערב ראש חודש קען עס נאך זיין, איי וועסטו פרעגן וואס מיינט לגאולה קרובה מ'האלט דאך נאך די גאולה, נאר וואס מיינט גאולה קרובה אז די גאולה איז געווען נאך פאר ראש חודש אב דאס מיינט אז ווען ס'קומט ראש חודש אב איז עס נאך קרובה ס'איז נאנט צו די גאולה וואס איז געווען.

**דער** אויבערשטער זאל העלפן שנזכה ונחיה ונראה אין דעם היינטיגן טאג זאל מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"

# שבת חזון

**בעזהשי"ת** מען געפינט זיך אינמיטן די
ניין טעג וואס מען קלאגט
און מען וויינט אויף די צוויי חורבנות
הבית וואס איז צוגענומען געווארן פון
אונז אין די טעג וואס בעצם דאס יאר
אויב וועט מען נישט זוכה זיין לראות
בבנינו וועט עס זיין צען טעג

**קען** מען זאגן א כוונה וואס לייגט צו
דאס אז עס איז צען טעג וואס איז
די חשיבות פון א יאר ווי דער יאר

**קען** זיין אזא בחינה יעדער ווייסט וואס
עס שטייט אין די גמרא אינו דומה
שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו
מאה פעמים ואחת עס איז פארהאן די
עבודה פון מאה פעמים ואחת וואס איז
יותר מהרגלו

**דאס** הייסט עס איז דא א מענטש וואס
נאטירלעך קען ער אינזין האבן
ביים דאווענען האלב די ווערטער פון
יעדער ברכה אדער האלב

**די** ברכות יעדער ווארט ווי למשל ביי
ברך עלינו ווען ער וויל דריקן אויף
פרנסה אבער אנדערע ענינים דריקט
אים נישט אזוי האט ער נישט אינזין

**און** די זעלבע ביים לערנען סאיז דא
אינגעלייט אדער בעלי בתים וואס
קענען דערהייבן צו לערנען א שעה
ביינאכט אבער מער ווי דעם קען ער
נישט באווייזן און אזוי ווייטער

**יעצט** ווען דער לומד פון א שעה מאכט
אפ ער גייט עס אויסטרייען
נאך פופצן מינוט צוביסלעך איין טאג
אויפאמאהל ווער ער זעהן ער קען
עס יא ביווייזן און מיט די צייט וועט
פון דער פופצן מינוט ווערן א האלבע
שעה און עס וועט בעז"ה ארויפגיין
צו א שעה ביז מען ווערט חדש ימינו
כקדם אזוי ווי אין די בחורישע יארן
און די חשק צו לערנען קומט צוריק
אזוי ווי אמאל

**אגב** קען מען צולייגן מען זאגן אין
אהבת עולם וואס עס שטייט על
מה אבדה הארץ צוליב דעם

**אשר** לא ברכו בתורה תחילה ווייל
מען האט זיך נישט אויסגעווייינט
ביי ברכת אהבה רבה

**מען** הייבט אן אהבה רבה מיט די ווערטער בעבור אבותינו שבטחו בך מען טרעפט אז אבות איז מלשון רצון יעדער האט פון די יוגנט יארן רצונות און רוב פון די רצונות פון א יונגע בחור איז די אחת שאלתי מאה ה׳ אותו אבקש צו זיצן אין לערנען כל ימי חייו באהלה של תורה

**וואס** אגב קען מען אריינווארפן פארוואס רופן מען עס אן אהלה של תורה

**יעדער** ווייסט אז אהל איז עראי און בית איז קבע איז תורה וואלט לכאורה געדארפט זיין וואס מער קבע פארוואס ווערט עס אנגערופן אהל

**נאר** ביים לערנען דארף זיין די בחינה אז עס זאל שטענדיג זיין פרישע חידושים אין לערנען פרישע מהלכים פרישע הבנות אין לערנען פרישע מפרשים שטייגן אין לערנען און נישט בלייבן ביי איין לעוועל נאר שטייגן מער און מער בסייעתא דשמיא

**און** מיט דעם פארשטייט מען וואס מען זאגט אין די אויבערדערמאנטע פסוק אחת שאלתי וכו׳ ולבקר בהיכלו וואס מיינט באזוכן

**ווען** מען גייט באזוכן איז עס דאך נאר אויף א קורצע צייט און נישט בקביעות לכאורה איז שווער די זעלבע קשיא פארוואס נאר א באזוך ווען עס קומט צו לערנען דארף עס

זיין איינגאנצן בקביעות

**נאר** די תירוץ איז אזוי ווי פריער נאר מיט אן אנדערע שניט ווען איינער גייט באזיגן א געוויסע מקום לאמיר זאגן מען גייט באזוכן לאנדאן מען זעט די מארש פון די סאלדאטן פון די בריטישע מלוכה אדער אפילו א איד און נוא יארק ווען ער פארט אויפן וועג צו די קאנטרי און ער זעט עס וואקסן ארויס בנינים גג על גג ווי נישט ווי ווערט ער פארגפ׳ט פון די מחזה הוד און ער קען נישט אראפנעמען זיין אויג

**די** זעלבע דארף זיין ביים לערנען און אין סיי וועלכע חלק פון עבודת השם מען בעט פון אויבערשטן עס זאל זיין איין שטיק ולבקר בהיכלו עס זאל זיין מלא חידושים און אינטערעסאנט און אזוי קיינמאל נישט ווערן נאכגעלאזט אינמיטן לערנען אדער אויסגעלאשן אינמיטן דאווענען נאר פארקערט זיין איין שטיק חיות און מלא שמחה און עבודת השם

**און** אזוי וועט זיין שבתי בבית ה׳ כל ימי חיי און עס וועט האבן א קיים מאהבה אן דארפן צוקומען צו א שטיפ וואס געווענליך פעלט אויס א שטיק פון מידת הדין אויב מען האט נישט קיין חשק

**אבער** איינער וואס ווערט פארגפ׳ט פון עבודת השם ער איז איין שטיק חידוש אין עבודת השם מיט

חיות און געשמאק און התלהבות להתענג אל ה׳ אזא איינער איז זוכה צו שבתי בבית השם

**כל** ימי חייו עוסק צו זיין באהלה של תורה

**מען** האט געהאלטן אינמיטן מסביר זיין די ענין פון די רצונות וואס יעדער איד פארמאגט אלס אינגער בחור צום שבתי בבית השם אבער מען בלייבט נישט שטיין מען וואקסט אינטער מיז מוסיף והולך בשנים מען האט חתונה מען דארף אריינברענגען פרנסה אין שטוב נישט יעדער איז זוכה צו בלייבן ביים לערנען כל ימי חייו

**רוב** גייען ארויס ארבעטן על המחי׳ ועל הכלכלה

**און** מען טרעפט זיך ביים בלעטל גמרא סך וויניגער ווי אמאל און עס איז דא וואס ווילן לערנען מער און פשוט האבן נישט קיין צייט

**און** עס איז דא וואס פון די טורח הפרנסה און אנדערע שווערע ענינים און בפרט און אזא דור וואס יעדער האט עפעס אן ענין וואס דריקט און קוועטשט אים איז די יכולת צו לערנען פאר א לענגערע צייט קומט אן פאר א טייל גאר שווער

**אבער** די אויבערדערמאנטע אינגעלייט און בעלי בתים דארף זיך דערמאנען דעם בעבור אבותינו שבטחו בך וואס אבות איז מלשון רצון ווי מען טרעפט אין ספה"ק בעבור אבותינו אמאל האט מען געהאט אן אייזענע רצון שבטחו בך קען געטייטשט ווערן אויף צוויי ענינים

**איינס** כלפי מעלה אז מען האט אזוי געגלייבט אין דעם שבתי בבית האבן מען האט איינגעריסן און שופך שיח געוועזן אז מען זאל זוכה זיין צום כל ימי חיי

**און** ווי אויך דעם שבטחו בך מען האט געהאט שאיפות און מען האט געגלייבט אין זיך דערמאן דיך אין די צייטן און ברעך דורך די בחינה פון מאה פעמים ואחת נאך פונעף שורות נאך פופצן מינוט און פון דעם וועט ווערן עולמות של אוצרות זהב וכסף ימים ונהרות פון דעם ים התלמוד בבחינת לבקר באהלה  של תורה

**יעצט** וואס איז די גאנצע שמועס נוגע צו די ניין

**טעג** און צום ענין וואס מען האט דערמאנט אז היי יאר איז דא צען טעג

**נאר** עס איז באקאנט וואס עס שטייט אין די גמרא אז רבי יהושע בן לוי האט זיך באגעגנט מיט משיח צדקינו און אים געפרעגט נו וואס איז די פלאן ווען קומט מען אן אימתי קאתי מר און משיח האט אים געענטפערט היום אם בקולו תשמעו

**אונז** קען מיר נאך אזא סיפור וואס האט פאסירט מיט משיח אבער דאס מאהל איז די שואל געווען נישט קיין צווייטער ווי דער בעל שם טוב הק׳ אליינס ממש פאר דריי הונדערט יאר צוריק אן אונטערשייד פון די צוויי מעשיות מיט כמעט טויזנט און עטליכע הונדערט יאר

**למעשה** די הייליגע בעל שם טוב פרעגט משיח שוין אזוי פיל צייט אדורך ווען קומט מען

**ענטפערט** אים משיח א צווייטע תירוץ לכשיפוצו מעיינותיך חוצה

**לכאורה** דארף מען פארשטיין וואס האט זיך געטוישט פון די תירוץ פון רבי יהושע בן לוי איז דען דא צוויי זמנים

**נאר** די תירוץ איז יא עס איז פאראן צוויי זמנים איינס איז בעתה וואס דאס איז די תירוץ פאר רבי יהושע בן לוי און די צווייטע תירוץ איז פאר באחישנה

**די** חילוק פון בעתה און אחישנה איז זייער פשוט די זמן פון בעתה איז א זמן וואס שפעטער ווי דעם קען עס נישט זיין וואס דער איז די זמן וואס איז נאר נתגלה געווארן פאר דריי מענשן און חוץ פון דעם ווייסט נישט קיינער ווען דאס איז

**און** די זמן פון באחישנה דאס קען זיין היינט און מארגן אפילו עס איז נישט די ענדגילטיגע צייט

**אונז** וועלן עס מסביר זיין וויאזוי ארבעט עס וואס איז טאקע די טעכנישע חלק פון דעם די סדר עס גייט צו משיח זאל קומען קומט דורכן בויען

**ציגלעך** אין די בית המקדש א שטיין נאך א שטיין טוט מען אוועקשטעלן ביז עס וועט זיין כלל בבניינו און עס וועט אראפקומען כולול כולו בהדרו כולו כאדרת אש וואס מען האפט עס וועט נאך זיין בהאי שעתא אמן

**יעצט** די שטיינער וואס אונז בויען וואס אגב שטייט פון פריערדיקע צדיקים זי״ע אז יעדער שטיין וועט שטיין א גרויסער פלאקאט מיטן שם הנדבן פלוני האט מיר אויפגעבויט מיט דעם דבר טוב און אזוי ווייטער וואס דאס וועט בלייבן לנצח נצחון

**די** שטיינער אזוי ווי דערמאנט פריער בויט מען דורך אונזערע מעשים טובים איינער דורך א שמייכל פאר א חבר און איינער מיטן זאגן א גוט ווארט איינער מיטן לערנען א בלעטל גמרא תפילה חסד און עס ענדיגט זיך נישט די ליסטע

**יעצט** דאס אז משיח וועט קומען בעתה וואס מען האט פריער

דערמאנט אז עס מיינט די

**ענדגילטיגע** צייט דעס איז אלס נאר ווייל כביכול די איבערשטער קען יעדער מענטש מיט זיינע כוחות זיינע נאטירלעכע כוחות און בדרך הטבע וועט אויפגעבויט ווערן אזוי פיל ציגעלעך אין דעם צייט אפשניט

**אבער** אויב וועט כלל ישראל צוזאמען טוען מער ווי מען קען נאטירלעך פורץ זיין די גבולים ארויסגיין יעדער איינער פון זיין באקס וואס ער איז באגרעניצט צו דעם דורך דעם וועט זיין במהרה יבנה המקדש

**פארשטייט** זיך מיט א רויטקייט צו דער זאך עס זאל נישט פלאצן

**אבער** דער עבודה ווערט אנגערופן לכשיפוצו מעיינותיך עס זאל זיך איבערגיסן די עבודה ארויס פון די נאטוליכע מעגלעכקייטן און טוען למעלה מיכלתו בבחינת מאה פעמים ואחת

**און** בדרך צחות קען מען צולייגן היום אם בקולו תשמעו ווען מען הערט יענעמס קול ביי א דרשה

**וכו'** נאטירלעך וויל מען עס זאל זיך ענדיגן וואס שנעלער חוץ אויב עס איז אויסערגעווענטליך גוט קומט אויס אז היום אם בקולו תשמעו איז מרמז אויף די נאטירלעכע עבודה אן צולייגן כוחות און ברעכן פון זיך

**משא"כ** די לכשיפוצו מעיינותיך חוצה'דיגע עבודה איז נישט קיין נאטירלעכע עבודה נאר איין שטיק התאמצות און זיין א מוסיף והולך און שטייגן מעלה מעלה אל הסולם העולה בית קל און דורכדעם זוכה זיין צו די גאלה פון אחישנה

**וואס** עס ווערט געברענגט אין ספרים הק' אז אויב וועט זיין באחישנה וועט עס זיין אן קיין חבלי משיח און מיט פיל שטערקערע אותות ומופתים

**עס** ווערט געברענגט פון של"ה הק' אז די סיבה פארוואס מען האט נאכנישט זוכה געווען צו די גאולה שלימה איז ווייל עס איז דא א געוויסע מספר פון תפילות וואס אידישע קינדער דארפן

**בעטן** אז מען זוכה זיין צו די גאולה

**און** א איד קען נישט וויסן צו זיין תפילה וועט זיין די פטיש האחרון וואס גייט ברענגען די ענדגילטיגע ישועה וואס אידישע קינדער ווארטן שוין באלד צוויי טויזנט יאר

**ליגט** א פליכט אויף יעדעס איד צוצולייגן אביסל שפכו כמים לבך נוכח פני השם מען האלט שוין אט אט דארט לאמיר טוען אביסל מער

נאך א קרעכץ נאך א טרער מען קען נישט וויסן מען קען נישט וויסן ווער גייט מסיים זיין און העלפן מסיים זיין די ישועה

**די** הייליקע צאנז'ער רב זי"ע איז אמאל געזעצן מיט די תלמידים די חבריא הקדושה און האט זיך אנגערופן צו דער חבריא אלעס איז שוין גרייט עס פעלט נאר די פרוכת

**האבן** זיך די חבריא ערלויבט זיך אנצורופן הייליגער רבי אונז גלייבן באמונה שלימה אז די

**רבי** קען ארויפלייגן די פרוכת

**די** הייליגע צאנזער רב האט זיך פארמאכט די אויגן פאר עטליכע מינוט און זיך פארדביקה'ט מען האט טאקע געזעהן ווי ער הייבן אן קאכן און ס'האט געכאפט א פחד אפשר דאך איז די לאנג ערווארטערטע וואס כלל ישראל במשך הדורות קוקען שוין ארויס אזוי פיל יאר אפשר דאך גייט מען זוכה זיין צו דעם אין די קומענדיקע מינוטן

**די** צאנזער רב מאכט אויף די אויגן און זאגט פאר די חבריא איך האב ארויפגעלייגט די פרוכת אבער וואס זאל איך טוען אז דער און דער משכיל האט אפגעריסן מיט זיינע מעשים רעים

**רבותי** עס ווענדט זיך אלעס אין טויזנט איז לאמיר זיך אביסל איבערשטערענגענגן הנה זה עומד אחר כתלינו

**די** כח פון טרערן זענען גאר גרויס שערי דמעות לא ננעלו מען קען צולייגן מען ווייסט אז איינער

**וועט** טועם זיין די טעם פון טרערן וועט ער זעהן אז עס איז געזאלצן

**יעדער** ווייסט אז מלח מסמא את העינים זאלץ מאכט בלינד די אויגן וואס די ענין פון בלינדקייט קען אמאל זיין א גוטע זאך למשל נישט קוקען אויף די עבר

**ווען** א איד וויינט אויפן חורבן פועלט מען מיט דעם אז מען וועט שוין נישט דארפן קוקען אויף די גלות און מען וועט זוכה זיין ותחזינה עינינו בשובך לציון

**און** דאס איז די סגולה פון דאס יאר מיר האבן נאך איין טאג אנצופילן מיט געוויין טרערן און תפילה לאמיר נישט פארפאסן די געלעגנהייט בכל שנה אומרים זו השנה אבער דאס יאר שטייט דאך כיון דאידחי אידחי אלעלם און מיט די כח פון מאה פעמים ואחת לכשיפוצו מעיינותיך חוצה'דיגע עבודה זוכה צו זיין באנפהא נהירין צום פתאום יבוא אל היכלו אמן.